# עולת שבת בשבתו

**ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר**

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

פה ק"ק קרית יואל יצ"ו

בעזהשי"ת | פרשת בהר | כיתה ו' ז' תשע"א לפ"ק


## דורש טוב

**וידבר ה' אל משה בהר סיני לאמר:** פרעגט רש"י: מה ענין שמיטה אצל הר סיני:

זאגט דער הייליגער רבי ר' **הערשעלע רימאנאווער** זי"ע, דער פשט פון רש"י קען זיין, לויט ווי עס שטייט אין די **ספרים הקדושים** דער טעם פון מצות שמיטה, פארוואס יעדער דארף מפקיר זיין די אייגענע פעלדער, כדי דער מענטש זאל וויסן אז ער איז נישט דער בעל הבית. דורכדעם וועט דער מענטש זיך האלטן קליין.

דאס זאגט רש"י: **מה ענין שמיטה**, וואס איז דער טעם פון שמיטה, פארוואס איז מען אלעס מפקיר? איז דער תירוץ: **אצל הר סיני**, כדי ער זאל זיך קליין האלטן אזוי ווי דער בארג סיני (דער באשעפער האט געגעבן די תורה אויפן נידריגסטן בארג כדי צו ווייזן אז מען דארף זיך האלטן קליין).

*

**וכי תאמרו מה נאכל, וצויתי את ברכתי:** פארוואס דארף די תורה שרייבן "וכי תאמרו"? אויב השי"ת וועט שיקן די ברכה וועט מען שוין זיכער נישט פרעגן "מה נאכל"?

## ידיעות פון דור וואך

### פסח שני

די קומענדיגע וואך מיטוואך י"ד אייר איז **פסח שני**. וואס איז דאס פסח שני?

אין די תורה הק' (פר' בהעלתך) ווערט דערציילט אז ווען די אידישע קינדער האבן אין מדבר געמאכט דעם קרבן פסח זענען געווען אידן וואס האבן מחמת א סיבה נישט געקענט מאכן דעם קרבן פסח, ווייל זיי זענען געווען טמאי מתים, ווייל זיי האבן זיך באשעפטיגט מיט די קערפער פון נדב ואביהו, זענען זיי געקומען צו משה רבינו מיט א טענה "**למה נגרע**" פארוואס זענען מיר ווייניגער ווי אלע אנדערע אידן, אז מיר טארן נישט מאכן דעם קרבן פסח, האט דאן השי"ת געזאגט פאר משה רבינו ע"ה די הלכה פון פסח שני, אז די אידן וואס האבן מחמת א אונס נישט געקענט מאכן דעם קרבן פסח אינעם געהעריגן פסח זאלן זיי דאס מאכן פסח שני.

ווען דער **בית המקדש** איז געשטאנען האט דער טאג פסח שני געדינט אזוי ווי א "**ערב פסח**"

מען האט מקריב געווען קרבן פסח'ס אין בית המקדש, מען האט עס געבראטן געזאגט הלל, פונקט ווי ערב פסח י"ד ניסן, און אויפדערנאכט האבן אידישע קינדער געגעסן דעם קרבן פסח על מצות ומרורים.

דער **פסח שני** האט אויסדריקליך נישט געדינט פאר יעדן, דאס איז נאר געווען פאר די אידן וואס האבן על פי אונס נישט געקענט מקריב זיין דעם קרבן פסח ערב יו"ט י"ד ניסן, ווי למשל אז ער איז געווען טמא, אדער ער איז געבליבן שטעקן אינטערוועגנס און נישט דערגרייכט די עזרה. פאר אט די אידן האט דער טאג י"ד אייר געדינט ווי א געהעריגער פסח.

אזוי אויך די **"כת העצלנים"** די לעצטע כיתה וואס איז געקומען ערב פסח מקריב זיין דעם קרבן פסח, און צוליב די שפעטע שעה האט מען צוגעשפארט די טויערן פון די עזרה איידער זיי האבן געקענט מקריב זיין זייער קרבן, האבן זיי געברענגט זייער קרבן אום **פסח שני**.

וועגן דעם איז א מנהג ישראל צו עסן מצה אין דעם טאג אלץ א זכר צו דעם יו"ט.

אין געוויסע פלעצער עסט מען די מצה ערשט ביינאכט אין די צייט ווען די אלע אידן האבן געפירט דעם סדר ליל ט"ו אייר, אלץ זכר לפסח. אבער אין רוב מקומות עסט מען מצה שוין בייטאג י"ד אייר, אין די צייט ווען די אויבנדערמאנטע אידן האבן מקריב געווען דעם קרבן פסח.

**הגה"ק רבי ישכר דוב דער בעלזער רב זי"ע** האט געזאגט דעם טעם ווייל בשעת מיר עסן די מצה בעטן מיר א תפלה אז מיר זאלן נאך היינט נאכט קענען עסן דעם געהעריגן קרבן פסח, אין ירושלים עיה"ק מיט משיח צדקינו, אינעם בית המקדש של אש וואס וועט אראפקומען מן השמים, במהרה בימינו אמן.

האט דער הייליגער **רבי ר' זושא זי"ע** געענטפערט: אז ווען השי"ת האט באשאפן די וועלט האט ער אוועקגעשטעלט אזעלכע רערן וואס גיסן שפע פאר די געברויכן פון מענטשן, עס זאל זיי קיינמאל גארנישט פעהלן. אבער, אויב א מענטש האט נישט קיין בטחון אז השי"ת שפייזט אים יעדן טאג, דעמאלט ווערט א פגם אויבן אין הימל און דורכדעם ווערט איבער געהאקט די השפעה, און עס קומט מער נישט קיין ברכה פון הימל.

דאס איז די תורה מרמז: אז די בעסטע עצה איז, מען זאל זיך אינגאנצן נישט זארגן, און נישט פרעגן קיין קשיות, נאר זיך פארלאזן אויף השי"ת, דעמאלט וועט מען שטענדיג האבן פון אלעם גוטן. אויב אבער **וכי תאמרו מה נאכל**, אז מ'וועט נישט האבן קיין בטחון און יא פרעגן **"מה נאכל"**, דעמאלט וועט זיך אפהאקן די השפעה אויבן אין הימל. און עס וועט זיך אויספעלן א פרישע השפעה פון **וצויתי את ברכתי**, אז דער אייבערשטע זאל פריש משפיע זיין ווייל די קשיא פון **וכי תאמרו מה נאכל** שטעלט אפ די ערשטע השפעה (בספה"ק נועם אלימלך בשם אחיו הרר"ז זי"ע).

## מוסר הפרשה

### ולא תונו איש את עמיתו:

דער הייליגער **רבי ר' מענדעלע ווארקער זי"ע** האט געטייטשט **"ולא תונו איש את ע'מיתו"**, מיטן אות **א'** אנשטאט די אות ע', דאס טייטש זיין אמת, אז א מענטש זאל

נישט פאפן זיין אמת. אמאל דאכט זיך פאר א מענטש אז ער איז א חסיד אדער א ירא שמים אדער א למדן, און באמת איז ער זייער ווייט דערפון.

וועגן דעם זאגט דער פסוק: **ולא תונו איש את אמיתו**, א מענטש זאל נישט פאפן זיין אמת, נאר ער זאל איינערקענען זיין אמת'דיגן מצב.

*

**אל תקח מאתו נשך ותרבית, וחי אחיך עמך:** וואס איז דער שייכות פון די צוויי זאכן?

די גמרא זאגט אז די וואס בארגן מיט ריבית וועלן נישט אויפשטיין תחיית המתים, און פונקט ווי מען באשטראפט דעם מלווה וואס ער נעמט ריבית, אזוי באשטראפט מען דעם לוה וואס ער גיט די ריבית.

דאס זאגט דער פסוק: **אל תקח מאתו נשך ותרבית** אז דו וועסט נישט נעמען קיין ריבית פון דיין חבר, דעמאלט **וחי אחיך עמך** וועט דיין ברודער אויך קענען לעבן מיט דיר, אז ביידע וועלן אויפשטיין תחיית המתים, אבער אויב דו וועסט נעמען ריבית וועלן ח"ו ביידע נישט לעבן לעתיד לבא (ילקוט האורים).

## מעשה רב

ווען דער **רבי בעל דברי יואל זי"ע** איז געווען דאס ערשטע מאל אויף א באזוך אין מאנטריאל, איז דאס געווען אויף שב"ק בהר-בחקתי תשי"ב לפ"ק, איז געקומען צו אים אויף א באזוך דער סאבאסלויער רב זצ"ל וועלכער האט דארט געוואוינט, און ער האט געפרעגט דעם רבי'ן א שאלה, אז היות זיין מצב הפרנסה איז זייער שווער, אזוי ווייט אז ער האט אפטמאל נישט קיין ברויט אין שטוב, און וויבאלד ער איז א ניי געקומענער אין שטאט, האט ער נישט געטראפן א פאסטן וואס זאל אים ברענגען פרנסה, האט ער געוואלט הערן דעם רבי'נס מיינונג אויב ער זאל זיך אנשליסן אינעם "**וועד הרבנים**" וואס זיי טיילן א געהאלט פאר אלע רבנים וואס זענען געווען אנגעשלאסן אין אירע ראמען.

(דער וועד הרבנים איז געווען אנגעפירט דורך אומאויסגעהאלטענע מענטשן, וואס האבן געהאט ציוני'סטישע מיינונגען, און די היימישע רבנים האבן נישט געוואלט צושטיין דערצו, דער סאבאסלויער רב האט געוואלט וויסן אויב אין א שווערן מצב הפרנסה ווי ער געפונט זיך, צו ער קען מקיל זיין דערין).

דער רבי ענטפערט אים מיט א שמייכל "סאבאסלויער רב, די תשובה אויף אייער שאלה שטייט דאך מפורש די וואך אין די סדרה"... דער סאבאסלויער רב האט זיך זייער געוואונדעט אויף די ווערטער נישט פארשטייענדיג וואס דער רבי מיינט מיט זיינע ווערטער.

האט אים דער רבי געזאגט "אין די סדרה שטייט 'וכי תאמרו מה נאכל בשנה השביעית הן לא נזרע ולא נאסוף את תבואתינו' פרעגט דער **אוהחה"ק** לכאורה דארף מען פארשטיין דעם פסוק, פארוואס דארף די תורה מאריך זיין מיטן אויספירן די טענה '**הן לא נזרע ולא נאסוף את תבואתינו**' אז עס שטייט די ווערטער '**וכי תאמרו מה נאכל**' פארשטייט שוין יעדער אז די רעדע איז אויב מ'וועט נישט אנזייען וועט נישט זיין וואס צו עסן?"

"ענטפערט דער **אוהחה"ק** אז די ווערטער '**הן לא נזרע ולא נאסוף את תבואתינו**' גייען באזונדער, און אזוי גייט דער פשט אין פסוק: '**וכי תאמרו מה נאכל**', אויב וועלן אידן פרעגן וואס זאלן מיר עסן אינעם שמיטה יאר? '**הן**' דאס איז וואר און זיכער, אז '**לא נזרע ולא נאסוף את תבואתינו**" אז מיר וועלן קיינמאל נישט עובר זיין אויפן אייבערשטנס באפעל, אפילו מיר זאלן דארפן אויסגיין פאר הונגער, אבער דאך "**מה נאכל**", אויף דעם זאגט די תורה "**וצויתי את ברכתי**" און עס וועט זיין ברייט צו עסן, אויב אבער די אידן וועלן קלערן נישט צו פאלגן דעם ציוו השם וועגן עס איז נישטא וואס צו עסן, דאן איז נישטא קיין ברכה".

"דאס איז די תשובה צו אייער שאלה - האט דער רבי אויסגעפירט - ווילאנג מען בעט פונעם אייבערשטן פרנסה, און מען זאגט אים קלאר אז '**לא נזרע ולא נאסוף את תבואתינו**' מיר וועלן נישט טוהן קיין שום שריט וואס איז נישט דער רצון ה', דעמאלטס קען מען ערווארטן אויף וצויתי את ברכתי, אבער אויב מען טוט זאכן וואס איז נישט דער רצון ה' וועגן פרנסה קען נישט זיין קיין ברכה".

דער סאבאסלויער רב האט געפאלגט דעם רבי'ן, און ער האט זיך טאקע נישט איינגעשלאסן אינעם "**וועד הרבנים**" עס האט נישט געדויערט מער ווי געציילטע טעג און ער איז אויפגענומען געווארן אלס רב אין א קהלה אין מאנטריאל וואו ער האט שוין געהאט א געהעריגע פרנסה.

# הילולא דצדיקיא

**קומענדיגן זונטאג י"א אייר איז די יארצייט פון הרה"ק רבי נפתלי צבי הורוויץ זי"ע, דער ראפשיצער רב, בעמח"ס זרע קודש**

**דער ראפשיצער רב זי"ע פלעגט א גאנץ יאר עוסק זיין אין די מצוה פון סוכה, און יעדן טאג פלעגט ער עפעס טון פאר די סוכה, אדער עפעס פאררעכטן, אדער לערנען הל' סוכה, אדער עפעס גערעדט פון מצות סוכה וכדומה.**

**נאך זיין הסתלקות י"א אייר תקפ"ז, האבן די תלמידים אנגעמערקט אז דער טאג י"א אייר געפאלט שטענדיג אויס די 26'סטע פון ספירה וואס דאס איז די ראשי תיבות פון סוכ"ה כ' ו' ס'פירת ה'עומר.**

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל**